מיט טויזנט פלאַמען אַ צעפלאַמטע
צו באַלייכטן די פינסטערניש פון וועלט.

און נישט מער צעבראָכן צענומען געצעלט
שלעפנדיק מיט זיך ביי ברעגעס פון אַמאָל —
אונזער גלויבן, זידנדיק שוימענדיק,
אַ ציענדיקער טייך פון צעפלאַסענעם שטאָל!

העי אוכניעם! מיט פרישע כוחות נאָכאַמאָל
געקאָוועטע שטאַבעס זיך צעוויפגעשטעלט — —
אונזערע פעלדער — סנאָפּעס־פונקן אַצינד,
שטאָלנדיק שמידנדיק די נייע וועלט — — —

---

## „פריינט פון יידיש לשון“

עלטערן, מאַמעס און טאַטעס, וואָס ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן קענען יידיש רעדן און שרייבן, זינגען אַ יידיש פאָלקס־ליד, זאָלן עס מעלדן שבת, ביים יידיש־ליטעראַרישן נאָכמיטאָג. מיר ווילן, מיט דער הילף פון „פריינט פון יידיש לשון“, איינאָרדנען אין וואָכן־טעג אַ יידיש־שעה פאַר קינדער און האַלב־דערוואַקסענע.

דאָס העפט פון היינטיקן חודש, אַ פאַרגרעסערט און מיט 6 קלישעס פון בילדער, אַ דאַנק די מיטבאַטייליגונג פון „פריינט פון יידיש לשון“, בלייבט ביים זעלבן פרייז ווי תמיד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דעם 21־טן אויגוסט, וועט דער פּאָעט יעקב שמואל טויבש פאַרלייענען זיינע רעליגיעזע לידער. שלמה אויערבאַך וועט האַלטן די איינלייטונגס רעדע.

שבת, דעם 28־טן, וועט דער שרייבער און פובליציסט דר. י. ח. קלינגער האַלטן אַ פאָרטראָג: לעגענדע אוןווירקליכקייט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור.

שבת, דעם 4־טן סעפטעמבער, וועט א. מ. אָרזשיצער פאַרלייענען פון זיין נייעם בוך „פּראָלעטאַרישע יוגנט“. מ׳וועט רעדן איבער פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור.

שבת, דעם 11־טן, וועט מען פאַרלייענען די שאַפונגען פון אונזערע אוקראַאינישע שרייבער און דיכטער. עס באַטייליקן זיך ראַכמאַן, ניסענבוים, אייזיק גאָלדבערג און די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט.

**א. נ. שטענצל.**

---

פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי, 129־131 קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.
6 פענס



# יידיש און אסימילאַציע

## יידיש און אסימילאַציע

1.

אסימילאַציע איז אַ נאַטירליכע דערשיינונג אין לעבן פון פעלקער; עס איז אַ פּראָצעס וואָס געשעט אומאויפהערליך אין די כסדר זיך פאַרענדערנדיקע און זיך שאַפנדיקע נאַטור, און דאָס לעבן פון אַ פאָלק ווי פון מענטש איז נישט קיין יוצא מן הכלל! און נישט נאָר אסימילירט תמיד דער שטאַרקער דעם שוואַכן, אָפט „סימילירט“ זיך דער שוואַכער גאָר; ער פאַרוועקסעלט נאָר די קאָליר פון זיין אויסערלעכע הויט בלויז, כדי דעם הוילן נפש זיינעם אָפּצוראַטעווען. דער וואָרעם נעמט אָן די קאָליר פון אַ בוים, פון אַ בלאַט, נישט נאָר ווייל מעלה־גירהדיק ווערט ער אליין פאַרדייעט אין די קאָרע פונם בוים, אינם גרינס פונם בלאַט, נאָר כדי זיין שוואַך לעבן צו באַשיצן פונם לויערנדיקן פויגל, וואָס וויל אים אויפעסן, פאַרשטעלט ער זיך, פאַרבט ער זיין אויסערלעכע הויט, מ׳זאָל אים נישט דערקענען.

און נישט נאָר איז עס אַן אויסגעפּרוווט גוט מיטל פאַרן שוואַכן בלויז, זיך צו באַשיצן און צו באַהיטן, נאָר דער שטאַרקער אפילו באַנוצט עס אין זיין לעבנס־קאַמף — דער טיגער נעמט די פאַרב פון מדבר אָן, כדי די שוואַכערע פון אים זאָלן נישט זען זיין אָנקומען! און די קריכנדיקע שלאַנג אויפן בויך דערטשאַוועט אַזוי אַרום איר קרבן; ס׳איז די קריכנדיקע שוואַכקייט וואָס דערגרייכט איר גיפטיקע ביטערקייט.

און שטייען נישט גאַנצע אַרמייען אַצינד (סיי יענע אין דער אָפענסיווע און סיי די אין דער דעפענסיווע) אונטער קאַמופלאַזש?

און אַזוי איז אונזער לאַגע געווען גאַנצע דורות, הונדערטער יאָרן אָן אויפהער! און ברויך מען נאָך אַן איינפאַכערן און נאַטירלעכערן טעם פאַרן וועלן אונז צעטרעטן? . . .

אָבער, אַז מיר לעבן, אַז מיר עקזיסטירן, אַז סוף־כל־סוף איז עס אונז געלונגען אונזער נפש אָפּצוראַטעווען פון די אַלע שטאַרקערע פון אונז, איז עס דאָך דער בעסטער סימן, אַז נישט כדי אסימילירט צו ווערן האָבן מיר אַרומגעראָיעט איבערן קיילעך ערד, נישט כדי מעלה־גירהדיק פאַרדייעט צו ווערן — מיר האָבן נאָר אויסערלעך פאַרענדערט אונזער הויט כדי צו באַהיטן אונזער אינערלעכן נפש!

זיך צו באשיצן בלייבט דער שטיינבאָק שטיין אַ פאַרשטיינערטער שטיק פעלז ביז דער אָדלער פליט רויבעריש איבער אים אַריבער — — אסימילאַציע איז נישט תמיד דער סימן־מובהק פון אַ דעגענערירטן ווילן אַנדערש צו ווערן, כדי אינגאַנצן אויפצוהערן, ס׳קאָן אָפט זיין דער שטאַרקער און הייליקער רצון דאָס טייערסטע אין זיך צו באַשיצן — אָבער אַ סימפּטאָם פון פאַרשטיינערט ווערן, פון אַן אימפּאָטענץ צו אַ ווייטערער קולטור־ענטוויקלונג איז עס תמיד! אויף יעדער אייגנאַרט און ספּעציפישקייט איז מען מותר, כדי צו געווינען דעם גרויסן קאַמף, כדי דאָס הייליקע שליחות צו קענען אויספירן, יעדעס ביסל לײַדנשאַפט, יעטווידעס שטיקל ענערגיע ווערט דערצו פאַרנוצט מיט גרוים אחריות — ווערט מען נישט אינגאַנצן פאַרדייעט, אָבער מער ווי אַ בלויז מעלה־גירהדיקן כשרן נפש ראַטעוועט מען אויך נישט אָפּ!

דאָס וואָס אסימילאַציע — אין איר העכערן זין! — האָט ביי אונז דערגרייכט, אין גאַנג פון דורות, איז געווען העכסטנס דאָס אָפּהיטן — און טיילמאָל אויך אפשר פון פאַרפיינערן! — אונזער רעליגיעזן קולט.

מער ווי טויזנט יאָר האָט געדויערט דער שווערער קאַמף פאַרן הוילן נפש אונזערן. אין די אַראַביש־ביצאַנטישע־שפּאַניש־פראַנקישע לענדער איז אונזער גאַנץ גייסטיק דיראַקטיש־שאַפן אַרויסגעגאַנגען פון איין דירעקטן דאָגמאַטישן געדאַנקן־גאַנג, אַ גרונדגעפעסטיקטן און פעסטגעמויערטן, וואָס דער שפּיץ זיינער ציט זיך אין הימל אַריין! באמת, די פאָרמולירנדיקע עקזאַקטקייט פון אַ ראַ״ש, אַ רי״ף, אַ רמב״ם — די נייע פונדאַמענטן אינם ברויזנדיקן ים התלמוד! — און דער דירעקטער פּשטותדיקער צוגאַנג פון די ערשטע מפרשי־התלמוד און די קלאָרע שפּיציקייט, — אין איין גלייכע ליניע גייענדיקע חריפותדיקייט! — פון די בעלי התוספות, רשב״א, ריטב״א, רמב״ן, איז די יידישע גאָטיק פונם מיטלאַלטער.

ביי אזא אַטמאָספערישע אָפּגעשלאָסנקייט האָט אסימילאַציע געהייסן: „יידן קריסטן" אין זמן־התלמוד, „קראים" אין די עפּאָכע פון די גאונים, און פּשוט „שמד" אינם לאַנגען פינסטערן מיטלאַלטער. און די חקירה און פילאָזאָפיע פון די אַלע עפּאָכעס, רבי סעדיא גאון, דער רמב״ם זיינען געשטאַנען שטאַרק אונטער פרעמדע איינפלוסן, סיי געדאַנקלעך סיי שפּראַכלעך. און זיינען זיי נישט געווען די „אחר׳ס" אין זייערע עפּאָכעס? האָט מען דעם מיימונידעס נישט געלייגט אין חרם אַריין און רבי סעדיא גאון נישט גערודפט עד־חרמה? און איז ברוך שפּינאָזא נישט דער לעצטער אַרויסגאַנג פון אונזער פינסטערן מיטלאַלטער?

די גרעסטע אויטאָריטעטן פון אונזערע פאַרגאַנגענע דורות, ווי נאָר זיי האָבן אַרויסגעטרעטן איין שריט פון די דלד־אמות של־הלכה פאַרלירט מען צו זיי דעם צוטרויען — ס׳איז דער באַרעכטיקטער חשד פון אַ פאַלק וואָס האַלט זיך אין איין באַשיצן און באַהיטן! ס׳איז די פאַלשע אָבער דאָך נאַטירלעכע שרעק פון „חיה רעה אכלתהו" — אויב חקירה איז ספרי־מוסר, אויב פילאָזאָפיע איז קבלה — — —

און יהודה הלוי און גבירול, אבן עזרא און עמנואל הרומי זיינען זיי נישט



געווען אונזערע ערשטע זומער־פייגעלעך, וואָס פאַרדייענדיג זיך אַליין (די איינציקע מעגלעכקייט פאַר עכטע שעפערישקייט!) פלאַטערן זיי אויף מיט די פאַרביקסטע בלומען־פליגעלעך? אָבער צוזאַם מיט די אַראָפּפאַלנדיקע בלעטלעך פון די וויאַנענדיקע רויזן, (מיט די מורישע און איטאַליענישע רענעסאַנס) פון ווו זיי זיינען דעם נעקטאַר פאַלן אַראָפּ זייערע שעמערירנדיקע און זון־צעפלאַטערטע פליגעלעך — —

און וויפיל האָבן מיר נעהאַט אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע שוואַכע און צאַרטע פליגעלעך פאַרזונגט ביי פרעמדע פייערן פון פלאַקערדיקע וואַקסענע קלויסטער־ליכט, אָדער גאָר ביי צאַנקנדיקע חלב־ליכטלעך אין די געטאָ־בתי־מדרשים, אין פריען און שפּעטן מיטלאַלטער? איז דאָך רבי משה חיים לוצאַטאָ, נאָך געווען אַזאַ ליכטיקער וווּנדערלעכער אָפּגלאַנץ, אַן ערשטער אָפּשיין אפשר גאָר פון אַ זיך עפענענדיקן שפּאַלט פון די געטאָ־טויערן אויף אייראָפּעאישן באָדן.

## 2.

וואָס איז דען אַזוינס פעסטער באָדן, בכלל, אויף וועלכן לעבן קאָן זיך פּרוכפּערן און ווידמענען, און דער „בחיר היצירה" מענטש קאָן טרעטן אייבער זיינע וועגן מיט אקעראַייזן און פיילנבויגן? אויפן דנאָ פונם ים זינקן אַראָפּ די פּגרי־מתים פון מיליאַרדן און מיליאַרדן פון מיקראָסקאָפּישע ברואים׳לעך און קוואַנטן־באַשעפענישן ביז אַ נייער אינזל ווערט ערגעץ־ווו פון זיינע טיפענישן אַרויסגעשפּיגן — און ס׳איז יבשה און ס׳ווערט פעסטער באָדן! אַזוי זיינען ענטשטאַנען די וועלט־קאָנטינענטן און פונקט אַזוי נאַטירלעך איז אויך ענטשטאַנען דאָס שטיקעלע ערד אונזערס אויפן אייראָפּעאישן באָדן — —

פון די ימים בלוט אונזערע, אומזיסט פאַרגאָסענע אין מיטלאַלטערלעכן אייראָפּע, און פון די בחינם געקוילעטע און געשאָכטענע, איז נאָך די „קרייצצוגן" און כל־ערליי „שוואַרצע מגפות" און בלוט־בלבולים ענטשטאַנען איז מזרח־אייראָפּע דאָס שטיקעלע ערד אונזערס פונם דנאָ פון אונזער פאַרגלייוערונג, פון אונזערע מעמקים׳דיקע טיפענישן זיינען מיר אויסגעשפּיגן געוואָרן אַ פריש שטיק פּרוכפּערדיקע יבשה. און גאַנץ אַנדערע וועגן האָבן זיך גענומען אויסטרעטן — שפּאָגל־נייע! — נישט מער אונטערן ווונדערלעכן סנדל־המסומר, וואָס וויל פאַרוויישן יעטווידן שליאַד פון פרעמדן בליק — היימישע שליאַכן האָבן זיך גענומען טרעטן אונטערן שווערן שטיוול־טראָט, וועלכע פירן צו דער אָפּענער וועלט! דאָס אָפּגעראַטעוועטע נפש אונזערס האָט באַקומען אַן אייגענע בולטע צורה; נישט נאָר דעם ברייטן געקאַרבטן שטערן, דעם קנייטש אין די פּלייצעס, נאָר דעם גאַנג שוין האָט מען דערקענט אויף מיילן ווייט —

שוין דער פּויליש־ליטווישער פּלפּול, אָנגעהויבן מיטן מהרש״א און מהרש״ל, גייט לגמרי שוין אַרוים פונם גדר פון אַן ענגער סכאָלאַסטישער

דיאַלעקטיק, פון אַ נישט־בייגעוודיקער קולטישקייט און שטייפער דאָגמע; דער פּוילישער פּלפּול האָט אין זיך דעם בעל־הבתישן צעשמייכלטן אויפטו, אין דער ברייטער צעקעמטער באָרד אַריין, ס׳האָט אין זיך די פאַרשייטע הנאה פונם קרייזלען דאָס פּאה׳לע — ס׳איז די עספּרי און שיינקייט פונם באַראָק און ראָקאָקאָ! פון אַ שאלה־ותשובה פון אַ פּוילישן גאון, פון זיין רחבותדיק אויסגעפירטן „לפי ענית דעתי" זעט מען שטאַרקער אַרויס אַ צעשטראַלט הדרתדיק פּנים, מיט אַ טיפן עמקותדיקן בליק פון חריפישע אויגן ווי פון מאַנכן טראַציק געמאָלטן רענעסאַנס פּאָרטרעט. נישט באַהאַלטן קאָן מען זיך מער, וויל מען זיך נישט מער אינם עבר פון אַן אות, אין אַ מסורה מסיני — מיט טויזנט ווערטער, מיט אַ שלינעדיקן שלל פון רייד איז מען זיך מטהר מיט טויזנט טעמים! מיט נייע אויפבליצנדיקע ווערטער האָט דער חריף פאַרטראַכט זיין אויפטו, האָט ער אים אויסגעשריגן מיט זיין שאַרפנדיקן דרייענדיקן פינגער — ער האָט אים, זיין טראַציקן געדאַנק אַריינגעפאָרעמט אינם חלל אַרום זיך, אין די הוילקייט פון דער וועלט — —

און ערשט דאָס פּוילישע־אוקריינישע חסידות! ס׳איז נישט מער דאָס ליפּן־פאַרביסענע און די סגופימדיקע קבלה — ס׳איז מיט אַלע פייגל איבער קאָפּ הימליש זיך צעזונגען, מיט די שכינה הקדושה געגאַנגען אין ריקוד! און אויב ס׳איז נישט דער „והרים רקדו כאלים" פון אַמאָל איז מען אַליין טאַקע עפּעס ווי די צעשפּרונגענע קעלבלעך און לאַשעקלעך אויף די פרייע לאָנקעס.

אין דעם מאָמענט, ווען „טייטש", „יידיש־דייטש" פאָרעמט זיך אויס צו אַן אייגענעם „זשאַרגאָן", ד. ה. ווען אונזערע ווערטער, צופּאַסנדיק זיך צו דער פאָנעטיק פון די אַרומיקע פעלקער און צו דעם קאָנזאַנענטן־עכאָ פונם באַוואַלדעטן חלל אַרום, סטאַרטשען דאָך אַרויס מיט אונזערע תנועות און סטיכישע כוחות, זיי רייסן זיך דאָך אַרויס מיט זייערע מדברישע און סיני־וואָקאַלן, איז עס אַ דייטלעכער באַווייז, אַז אויב אפילו דער אָנהויב פון אונזער נייער אייראָפּעאישער שפּראַך האָט אין זיך געהאַט אַסימילאַציע טענדענצן זיינען זיי נישט אַרויסגעגאַנגען פון אַ שוואַכן ווילן אַסימילירט צו ווערן, נאָר פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג דעם אינערלעכן נפש אָפּצוהיטן, דעם נייעם אַרום אין זיך אויפצונעמען און אים מיט אייגענע פּאָטענציעזע זאַפטן צו אַסימילירן—יידיש איז אונזער מעדיום דעם אָקסידענט אין אונז אויפצונעמען און מיט אייגנאַרטיקע קולטור־שאַפונגען אים צו פאָרמען און געשטאַלטן יידיש. דער אידיאָם אַליין שוין איז אונזער גרעסטע שאַפונג אין די לעצטע טויזנט יאָר! די אַלטע אָריענטאַלע ווערטער און די נייע אָקצידענטאַלע זיינען דורכגעציטערט מיטן שרעק פון אונזער לעבן, מיטן עכאָ פון אונזערע גלויביקע הערצער — אָ, ווי מאַנכע ווערטער טראָגן דאָס אין זיך דאָס קאָמישקייט פון אונזער נע־ונד! שפּראַך איז נישט אַן עלעמענט, אַ מין שטאָף צו שאַפן דערמיט קולטור — שפּראַך איז מוטער־מילך אויף ציטער פון ליפּן, מאַמע־לשון פול דערבאַרמונג און גנאָד, מיט שפּראַך באַרואיגט זיך דאָס האַרץ און קולטיווירט זיך מיט האַרבסטן פאָלקלאָר און מיט ליבלעכסטן



פאָלקס־ליד — דאָס פאַרביטערטע און פריידיקע געמיט פון אַ פאָלק עפנט זיך אויף ווי אַ זוימען־שייט מיט באַשאַפנדיקע ווערטער! אויף אַזוי פיל נאָר זיינען פאַרשידן די קולטורן פון די פעלקער אויף אַזוי פיל וויפיל זייערע שפּראַכן זיינען אַנדערש, און אויף אַזוי פיל אויך איז אונזער נייע שאַפונג אַנדערש פון אונזער אַלטער, אויף וויפיל יידיש איז אַנדערש פון העברעאיש — מיט יידיש זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק אויפן אייראָפּעאישן באָדן! מיט יידיש האָבן מיר נאָך אַמאָל אונזער גייסטיקן נצח־ישראל —

דאָס מיטל גופא, אין וועלכן מיר האָבן זיך געוואָלט פאַרקריכן ווי ווערעם אין כריין, ווי חיות אין הייל־גריבער איז געוואָרן צו אַ נייעם באר מים חיים; מיר האָבן זיך צעשפּילט מיט אַלע אונזערע ליידנשאַפטן און אייגנשאַפטן; יעדעם אַרויסגערעדטע וואָרט באַקומט אונזערע טענער און תנועות; יעדער זאַץ — אונזער קנייטש און בויג! דאָס קוועקזילבערדיקע פון אונזער דינאַמישקייט שפּיגלט זיך אַרויס דערפון! מיט יידיש האָבן מיר אויפסניי באַוויזן, אַז מיר זיינען אַ שאַפעריש קולטור־פאָלק. ניין, מיר אַסימילירן זיך נישט. ווען ס׳איז נאָר זייער נויטיק שטייען מיר אונטער קאַמופלאַזש אונזער גייסטיקן מהות צו באַשיצן.

ניין, מיר אַסימילירן זיך נישט, אפילו ווען די שלעכטע אָביעקטיווע און נאָך ערגערע סוביעקטיווע פאַרהעלטענישן צווינגען עס אונז צו טון; ווען די גרעסטע נסיונות קומען איבער אונז, מיר קומען זיי איבער און מיר האַלטן אויס, מיט יעטווידן מסירת־נפש — שעפערישקייט איז גייסטיקע סעלעקציע! און אין די לעצטע 50-60 יאָר האָט די יידישע ליטעראַטור מיט טראַציקסטער עקשנות אויפסניי באַוויזן, אַז מיר באַגניגן זיך נישט מיט וועגיטירנדיקער עקזיסטענץ, נאָר מיר זיינען לעבנס־פּעאיק צו אַ ווייטערער און העכער אייגענער קולטור־ענטוויקלונג. אָבער מאָדנע, אַלע פּאַרטייען דעמלט, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגעשמועסט צווישן זיך, האָבן ווידער געוואָלט פאַרוואַנדלען יידיש אין אַ בלויזן „מיטל" — פאַר פּאַרטיי דאָגמעס, ווי פאַר נאַציאָנאַלע צוועקן איז שפּראַך אפשר טאַקע נישט מער, — פּונקט ווי פאַר קולט! — מיטל צום וועק, אָבער פאַר אַ גייסטיק לעבעדיק פאָלק איז שפּראַך אויפברויזנדיקע פאָרעם, וואָס צערייסט יעטווידע קלאַסן־ענגע דאָגמע און נאַציאָנאַליסטישן קולט. זיי גופא ווערן אָנגעטרונקן מיט די פּאָטענציעזע זאַפט און ווערן סימפּטאָמען פון אומשטערבלעכן און ווייטערן קיום —

* *

די נייע העברעאישע ליטעראַטור און די מאָדערנע סאָציאַלע דיכטונג אונזערע זיינען די בעסטע עדות פון דעם פּראָצעס. דער טרוקענער „אץ־קוצץ" פון די מיטלאַלטערלעכע סליחות און קינות פּזמונים און דער מליצה־סטיל פון דער השכלה־עפּאָכע וואָלטן זיי דען געוואָרן העברעאישער ליטעראַרישער נוסח, ווען נישט דאָס פאַריידישלעכן זיי מיטן ניב־שפתים פונם יידישן לעבעדיקן אידיאָם? און אויב מנחם מענדל מאַכט זיינע עסקים אין אַלע לשונות, פאַרוואָס נישט אויך אין לשון־קודש..

אָבער לעת־עתה איז העברעאיש נאָך אַלץ אַ פּאַרטיי־מיטל, ליידער פונקט אַזוי ווי די מאָדערנע־העראָאיש צעוואַקסענע סאָציאַלע ריכטונג אונזערע ווי מאַנכע „פּראָלעט״־אַסימילאַנטן דאַכט זיך!... און די געפאַר אין אונזער שווערן לעבן איז, באמת, אַצינד דאָ. אַז אונזער עקזיסטענץ זאָל חלילה ווידער ווערן אַ ווערעמדיקער קאַמף פאַר הוילן נפש, און אונזער גאַנצע שעפערישקייט זאָל נאָך באַשטיין בלויז פון אַ דאָגמאַטישע דיאַלעקטיקטישקייט.

צו אונזער גליק אָבער, שטייט אונזער מאָדערנע שאַפן איבער אונז ווי אַ סימבאָל פון דינאַמישער אומשטערבלעכקייט — דאָס „מיטל״ גופא פון אונזער לעבן איז אונזער לעבן אַליין! לעבנס־פעאיק שטייט עס איבער אונז און נצחדיק און ס׳איז דער טרייסט פונם ליידנדיקן פאָלק וואָס האָט עס געשאַפן.

## אונזערע קלאַסיקער

(אַן אַריינפיר־וואָרט צו אַ ליטעראַרישן נאָכמיטאָג, ווען מ׳האָט פאַרגעלייענט די קלאַסיקער)

מענדעלע שילדערט דאָס יידישע שטעטל אין דעם מאָמענט בשעת ס׳אַנטלויפט פון זיך, אַנגעטון אין דער וואַנדער־טאָרבע. דערפאַר האָט ער קודם פאַרגעשפּאַנט „די קלאַטשע״, געלאָזט אַרויספאָרן אויפן שול־הויף דאָס באַרימטע וועגעלע זיינס, אַלצדינג אַזעלכע וויכטיקע חפצים און מכשירים, וואָס אַ „רבי בנימין״ האָט זיי שטאַרק נויטיג אויף זיינע נסיעות און מענדעלעס שטעטל איז דער טיפּ פון אַלע יידישע שטעטלעך, וואָרום ער האָט זיי אַלע, אין דער הייסער מינוט פונם פאַרשמייעטן יאָגעניש, אויפגעפּאַקעוועט אויף זיין מעשה־מרכבה׳דיקן ביידל.

זיין האַרץ, מענדעלעס קלוגע און גוטע האַרץ, איז צו פאַרביטערט פון זייער בהלה׳דיקן לויפן און זייער אויפפירעכץ, אַז ס׳זאָל דאָרטן איבעריק בלייבן אַ סך פּלאַץ פאַר ליבע — אַ זכר נאָר ס׳זאָל דערפון בלייבן, אַ „מקדש כהלל״, דאָס איז פאַר אים דאָס יידישע שטעטל. און אי״ה, אַז גאָט וועט העלפן און מ׳וועט קומען אל הנחלה ואל המנוחה, זאָל אַ קאַרטינינקע דערפון בלייבן עם אויפצוהענגען אויף דער מזרח־וואַנט, אַז די אויגן פון יידישע קינדער זאָלן הנאה האָבן און קלייבן נחת. און ווען אַפילו אַ קאַריקאַטור — וועט עס אויך קיין בייז נישט זיין, און קיינעם נישט שאַטן! — וועט זיין פון וואָס אַ לאַך צו טון. רבי מענדעלע מוכר ספרים האָט ליב אַ קאַטאָוועסל סכנת־נפשות!

מענדעלע איז נישט קיין גרויסער איבערקלייבער בנוגע צו זיינע פאַרשוינען: זאָל זיין אַ פישקע דער קרימער, אַ צעבראָכענע בריאה, אַ פאַרשלעפּטע קרענק; אַ מיאוסער פאַרשוין ווי „לוי בחור״ איז אויך נישט קיין מעשה, נישטאָ מיט וועמען און פאַר וועמען זיך צו שעמען — אַלץ אייגענע מענטשן! — אָבער די קאַרטינינקע מוז זיין אָפּגעטאָקט, אויסגעסטראָנצלט מיט אַלע פּיטשעווקעס. ס׳טאָר נישט פעלן אויף אַזוי פיל דערין — אַ קוצו של יוד נישט! און אין די רעמען פון זיינע דערציילונגען — מ׳קאָן אַריינ־



רעמען דערין די גאַנצע וועלט! די אַראַבעסקעס אַרום זיינען קונציק אויסגעפלאָכטן און יידישלעך פאַרפּוצט מיט דער גאַנצער נאַטור־פלאָרא און מיט אַלע אירע באַשעפענישן

און דאָס איז טאַקע דאָס גרויסע ביי מענדעלע מוכר ספרים: דאָס שטעטל מיט אַלע זיינע געענג און געגנלעך, מיט אַלע מיתה־משונה׳דיקייטן פון זיינע פאַרשוינען, וועט בלייבן אומשטערבלעך, ווייל ער האָט עס אַזוי קונציק אַריינגעשטעלט, אַזוי מייסטערלעך אַרנגעפּאַסט אין סאַמע מיט פון דער גרויסער נאַטור.

שלום עליכם האָט שוין זיינע פרשוינען אַרויסגעראַטעוועט פון טוניעיאַדעווקע, וועם ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, וועם מיט דער בייטש אין האַנט און וועמען שוין מיטן „בלויזן שטעקעלע״ — ס׳איז אַ „יאַריד״ דאָס פאַרקאָכטע לעבן און „מנחם מענדל״, אין מיטן זיין בהלה, זיין לויפעניש טומלט מיט, שמייעט מיט און קאָכט זיך מיט און — פאַרקאָכט אַ הייסע קאַשע! און אַז ס׳קאָכט זיך איז מען שוין עפּעס טועם דערוויל. שלום עליכם׳ס פאַרשוינען זיינען טאַקע קבצנים, אָבער זאַטע און לוסטיקע — פריילעך קבצן! — זיי וואַנדערן שוין מיט אַ סדר און זיי וועלן זיך שוין אַלע ערגעץ־ווו צוזאַמענטרעפן: „וקבצנו יחד״ איז דאָך אַ בפירושער פסוק!

שלום עליכם לאַכט שוין פונם יידישן שטעטל ווי פון אַ „גרינעם״! ער לאַכט פון גאַנצן האַרצן, ווייל ער זעט דאָ באַשיינפערלעך, אַז יאַקבי האָט זיך טוניעיאַדעווקע זאַט אָנגעגעסן — זאָל זיין פון אַ שמעלץ־טאָפּ אַבי צום לעבן! אַי דאָס וואַנדערן, דער טרדת־הדרך, איז נישט געווען אַזוי פויגלדיק, אָבער „געפּרייטע״ פיש, נישט צו פאַרזינדיקן, איז דאָך אַפילו אין פאַר׳שרפה׳טן לאָנדאָן געווען. און וואָס איז פאַראַן בילכערס פאַר אַ פאַרהונגערטן?

שלום עליכם האָט אַזוי שטאַרק ליב זיינע פאַרשוינען — אַבי נאָר זיי אָפּגעראַטעוועט לאַכט ער שוין פון דער וועלט! לאַכט ער שוין פון זיין אייגן היטעלע. וואָס ברויך שלום עליכם די קאַרטינע? איז זיינס אַ פאַרשוין נישט די שענסטע קאַרטינע? און אַ ראַם? וועט זיין מנחם מענדל זך לאָזן איינרעמען? ער וועט דאָך אַרויסשפּרינגען פון אים! שלום עליכם׳ס שטעטל איז שוין דער הינטערגרונד פאַר זיינע פאַרשוינען, פון די טיפּישסטע יידישלעכסטע פאַרשוינען.

און פּרץ? דאָס איז דאָס געניאַלע פון י. ל. פּרץ, וואָס ער האָט די גאַנצע גרויסע וועלט אין שטעטל אַריינגענומען. און דער ייד זיינער איז שוין נישט מער קיין פאַרשוין — נאָר אַ מענטש! פּרץ איז דער קינסטלערישסטער פון אונזערע קלאַסיקער. יעטווידן פון יידישן שטעטל מאָלט ער עקסטרע אויס ווי אויף אַ פּאָרטרעט, — ווי משה ואהרן אויפן „מזרח״ מאָלט ער אָפּ יעדן ייד פונם אָפּגעזוכטעסטן פאַרוואָרפענסטן שטעטל, יעדע פרוי ווי די טאַנצנדיקע מרים מיט דער פּויק! — און הענגט זיי אויף אין מקום קדוש פון זיין האַרץ, ער זאָל תמיד קענען לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון היימישקייט און נאָנטקייט.

פּרצעס שטעטל אַנטלויפט שוין נישט פון זיך, עס האַלט פון זיך

אן עולם ומלואה. און ווען ס'קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, באַשאַפֿט פּרץ אַ שטעטל של מעלה! די אידעע פֿאַר די אַלע „שטעטלעך", אָנגעהויבן פֿון אַש־ווייסנבערגס ביז די אַלע זיך שאַפֿנדיק ביז צום היינטיקן טאָג — איז מענדעלעס געווען דער טיפּ פֿון געוועזענעם און פּרצעס דער סימבאָל פֿונם בלייבנדיקן! און דערפֿאַר איז י. ל. פּרץ שולע אין דער יידישער ליטעראַטור, בשעת אונזערע צוויי ערשטע קלאַסיקער זיינען די באַשאַפֿער פֿון נוסח און סטיל.

י. ל. פּרץ איז נישט אַ געבליבענער זכר פֿון שטעטל — ער איז דער סימן, דער סימפּטאָם פֿון אונזער נצחדיקייט. און פּונקט ווי ער האָט די וועלט אַריינגעבריינגט אינם שטעטל, פּונקט אַזוי האָט ער די נאַטור — דעם אויפֿברויזנדיקן פּראָטעסט! — אַריינגעבריינגט אין יידישן האַרץ אַריין. נישט דאָס שטיקעלע ברויט פֿאַרן פֿאַרהונגערטן זוכט פּרץ — ער זוכט דעם פֿאַר־חלש'טן נפֿש אונזערן אַפּיקורסטעווען, די אייביק בויענדיקע און צושטערטע עולמות־עליונים אונזערע צו באַשיצן און צו באַהיטן.

*

און דערפֿאַר איז אונזער מאָדערנע ליטעראַטור לעבן געבליבן און לעבנס־פֿעאיק צו ווייטערער ענטוויקלונג, ווייל אונזערע דריי קלאַסיקער זיינען די דריי נויטיקע דימענזיעס וועלכע יעטווידעס לעבעדיקע באַשעפֿעניש מוז קודם האָבן אַז ס'זאָל קאָנען עקזיסטירן —

מענדעלע'ס ברייטער נוסח, די אויסגעצוויגנקייט פֿון שלום עליכם'ס סטיל, און די הויכקייט פֿון פּרץ'ן איז דאָך ביז אין די הימלען אַריין — „אויב נישט נאָך העכער"!

## ספּטעמבער 1943

.1

שוין פֿאַלן די בלעטער פֿון די ביימער
און דער באַהויכטער הימל נאָך לויטערדיק בלוי,
אַרום די זונען־בלומען די בינען
זיי האָבן געפֿלאַטערט היינט־דריי־יאָר פּונקט אַזוי.

דאָך ס'איז אַ חילוק אַ גרויסער פֿאַראַן:
באָמבעס נישט אין לאָנדאָן — זיי פֿאַלן אין בערלין!
און יעדער פֿליער אויף הימל דאָ איצט
אַרום אַ זונען־בלום אַ זשומענדיקע בין.

און אין די נעכט ווען ס'פֿאַלן די שטערן,
און דער סעפּטעמבער הימל לויטערדיק און קלאָר,



ווערט ווידער דער חלום אין מענטשענס האַרץ
שיינענדיק אויפֿגעלויכטן מיט ליכטיקן וואָר.

.2

נישט מיט בייזער נקמה איז פֿול דעמלט מיין האַרץ,
ווען כ'הער דאָס שווערע געפֿלאַטער איבער קאָפּ;
ביז זיי קומען אויסגעליידיקטע לייכטע צוריק,
וואַרט איך מיט שרעק אין דער פֿינסטערניש זיי אָפּ —

אין די שווערקייט איך צייל די וואַרפֿנדיקע „טאָנען",
אין די לייכטקייט די וואָס קומען נישט צוריק — —
און אין די נעכט, די וואַכנדיקע צעפֿלאַטערטע,
געפֿולט איז מיט טרערן מיין גליאיקער בליק.

נישט מיט בייזער נקמה איז פֿול דעמלט מיין האַרץ —
מיט שטילע תּפֿילות און מיט הייליק געבענטש:
אַז פֿאַרטיליקט ס'זאָל ווערן דאָס שלעכטס פֿון דער וועלט,
און פֿול גנאָד יעדעס האַרץ צו יעטווידן מענטש —

.3

## איציק פֿעפֿערן צו זיין קומען אין לאַנדאָן

אין אַ נעץ אַזאַ פֿון סוף־זומער־פֿעדעם
פֿון צווייג צו צווייג צעהאָנגען, פֿון בלום צו בלום,
פֿול מיט גסיסה־זשום, פֿול טויט געצאַפּל,
איז דער צענעפּלטער, דער גאַנצער אַרום.

מיט זייערע גיפֿטיקע, זיי'רע פֿיסקלעך
זייגן די בינען זיסעקייטן נאָר בלויז;
פֿון די פֿליגעלעך דער פֿאַלנדיקער שטויב
קאָן דען באַפּרוכפּערן אַ וויאַנענע רויז? . . .

און פֿון אונטער וואַקל פֿון אייגענעם שריט
פֿונם געשאָרך ווייעט אַזאַ נאַסע קעלט!
נאָר אויף דעם ווילדן קזשאַק דאָרט די רויטע רויז
איז זי נישט אַצינד די שיינקייט פֿון דער וועלט?

## אַזוי־אַ ס'וועט זיין דער זיג פֿון דער וועלט

.1

ס'איז געפֿאַלן דיין העלד גערמאַניאַ
אינמיטן זיין זיגערישסטן ריט,

אַ קאַזאַקס שווערט האָט אים געטראָפן,
אים און זיין פערד מיט זיין שאַרפן שניט.

דיין הונט נאָר האָט זיך געראַטעוועט
מיט משוגע שטשירנדיקע ציין — —
איז פול דיין לאַנד אַצינד גערמאַניאַ
מיט געהייל און מיט הינטיש געוויין.

.2

וויל ווער נקמה נעמען פון אַ שלאַנג ?
זי טויטן איז אַלצדינג וואָס מען וויל !
און אַז דער הונט, אַז ר'איז נאָר נישט משוגע,
ווער גייט אָן פון זיין קייט דאָס געביל.

וויל ווער נקמה נעמען פון אַ שלאַנג ?
זי טויטן איז אַלצדינג וואָס מע וויל !
און דעם הונט אויף דער סאַרפנדיקער קייט
אַ שטיק פלייש אפילו ר'זאָל בלייבן שטיל.

.3

אַזוי־אַ ס'וועט זיין דער זיג פון דער וועלט :
אַ טראַקטאָר פון יעטווידן האַרמאַט,
אַ פויער באַאַרבעטנדיק זיין ערד
יעדער יעצט באַוואָפנטער סאָלדאַט.

און פון יעטווידן צעבראָכענעם טאַנק,
אַ נאַרע פאַר אַ הונט אויף אַ קייט !
יאָ, ס'קאָן הויזן מיט לעמעלע דער לייב,
נאָר ווען דער הונט איז גאַנץ פונדערווייט . . .

## הימלער „דער בלוט הונט"

ער איז געקומען דיין זיגער, דיין העלד,
טראָג אים אַנטקייגן דעם לאָרבער־קראַנץ,
מיליאָנען עס האָט פאַרטיליקט זיין שווערט
און ז'איז נאָך אָן פגימה אַלץ און גאַנץ.

אין טייכן בלוט זי האָט זיך געטובלט,
צו לייטערן דעם בלאַסק פון זיין בליק,
דעם תאוהדיקן געשליפענעם קלאַנג
פון זיין ליפן־פאַרביסענעם : „ככיק" !

אויב אַ סאַלאַמאַנדער פון פייערן —
ווערט אַזוינער געבוירן פון בלוט !
הייל, דיר גערמאַניאַ, פון זיינע שלאַכטן
דיין זיגפריד געפעסטיקט אין זיין מוט !



קומט ער אָן אַצינד דיין זיגער, דיין העלד,
איבער דיין האַלדז ציען זיין שווערט,
נישט מיט סאַלוט — מיט גסיסה־געשרייען
ווערט אַזוינער פון זיין פאָלק געערט !!

מיליאָנען לעבנס צו פאַרטיליקן
מיט אַ קריץ בלויז פון זיינע ציין !
אַז מיט טויט זיינען פול זיינע אויערן,
וואָס איז פאַר אים געבעט און געוויין ?

וואָס זיינען פעלקער פאַר אים, וואָס לענדער ?
און וואָס פאַר אים די גאַנצע וועלט ?
און דו אַליין „דייטשלאַנד איבער אַלעס"
אַ שפיל פאַר זיין שווערט בלוטיק צעהעלט.

הייל, דיר גערמאַניאַ, צו דיין „זיגעס"־טאָג,
דיין העלד וואַרט אַצינד אויף זיין באַגריס :
פאַר יעדן געקוילעטן דורך זיין שווערט
וואַרף אים צען דיינע צו זיינע פיס !

נישט פאַרליר איצטער דיין גלאָריע, דיין מוט,
און ווען דער צענטער דיין לעצטער זון !
ער, דיין זיגפריד, האָט געטון דאָס זיינע,
מוזט דו אַצינד דאָס דייניקע טון — —

ער איז געקומען דיין זיגער, דיין העלד,
טראָג אים אַנטקייגן דעם לאָרבער־קראַנץ !
נעם אים אויף מיט דיין גסיסה־געהייל,
אויף דיינע חורבות דיין טויטן־טאַנץ.

## סעפטעמבער־בלומען (עליזאַבעט'ן)

אומגעלומפערט און שווער שטייען די האַליען,
מרה־שחורה'דיקע און טיף־געבויגן,
פונקט ווי די רויטקייט פון זייערע בלעטלעך
פון פאַרגאָסענעם בלוט אַרויסגעזויגן.

און איז די זון נישט אַזאַ גרויסע דאַליע,
אָקאָרשט פון איר שטענגל איצט אָפּגעריסן,
אויף אַ ברודער־קבר פון געפאַלענע,
עס לייגט זי עמעץ מיט סמוטנעם געוויסן ?

גאַנצע בייטן אַסטערן ס'וואָלט ווער געפלאַנצט,
פרישע קברים־בערגלעך צו באַצירן,
זעט דער סעפטעמבער הימל אַצינדערט אויס,
אין זיינע פאַרגייענדיקע קאָלירן — —

און די נאַכט זי שלעפט זיך איבער די בלומען,
שטיל איינגעהאַלטן, סמוטנע אויסגעצויגן,
אַן אַלמנה׳איש לאַנגער אין שוואַרצער שלייער,
אַראָפּהענגענדיק איבער פייכטע אויגן.

## די געסט מיכאָעלס און פעפער

(צוויי פאָרשטייער פונם סאָוויעטישן יידנטום)

צו די פאַרברייטונגען, צו וועלכע יידיש־ריידנדיקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס זיינען צוגעטרעטן, כדי אויפצונעמען די חשובע געסט, דעם באַרימטן אַקטיאָר און אָנפירער פון מאָסקווער יידישן קונסט טעאַטער, ש. מיכאָעלס, און דעם באַקאַנטן דיכטער איציק פעפער, באַטייליקן זיך די „יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" און דער קאָמיטעט פון „פריינד פון יידיש לשון" אין אַלע קאָמיסיעס, וואָס דער קבלת־פּנים קאָמיטעט האָט געשאַפן.

„פריינד פון יידיש לשון" באַמיט זיך אויך צו האָבן אַן אינטימען צוזאַמענטרעף מיט די חשובע געסט און פאָרשטייער פון דער יידיש שאַפנדיקער קולטור און ליטעראַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד

און מיר פרייען זיך זייער צו הערן דעם גרוס פון אונזערע סאָוויעטישע יידיש־ריידנדיקע ברידער, ס׳איז דאָך דאָס איינציקע לאַנד וו אונזער שפּראַך איז אָפיציעל אַנערקענט, און אויף אַ גרויסן מלוכהשן אופן און ברייטע שטאַטלעכע מעגלעכקייטן שעפעריש טעטיק אויף אַלע געביטן פון יידישער קולטור און ליטעראַטור.

מיר פרייען זיך אויך צו קומען נענטער אין קאָנטאַקט מיט די אָפיציעלע פאָרשטייער פונם סאָוויעטישן יידנטום, וועלכעס שטייט אַזוי העראָאיש און מיט געוואַלטיקן אויסדויער אין קאַמף מיטן גרעסטן שונא פון אונזער פאָלק און פון דער מענטשליכער קולטור.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיגע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א 1. 3 אזייגער)

שבת דעם 18־טן סעפּטעמבער וועט זיין דער נאָכמיטאָג געווידמעט דעם יידישן פאָלקלאָר, אַן אָנדענק לכבוד דעם פאַר 25 יאָר פאַרשטאָרבענעם בער באָראָכאָוו, איינער פון די באַדייטנדיקע פּיאָניר־זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר.

דער באַקאַנטער זשורנאַליסט שלמה גאָלדנבערג וועט האַלטן אַ רעפעראַט איבער דעם שאַפן און די פּערזענלעכקייט פון בער באָראָכאָוו. מ׳וועט פאָרלייענען פון ימים־נוראים פאָלקלאָר און אויך פון באָראָכאָווס אַרבעטן איבער פאָלקלאָר.

שבת דעם 25־טן סעפּטעמבער וועט זיין געווידמעט דעם סינאַגאָגאַלן געזאַנג און די סקאַרבאָווע ימים־נוראים־ניגונים. חזנים וועלן זינגען טיילן פון די ראש־השנה און יום־כפור תפילות. א. מ. ראָכמאַן וועט פאָרלייענען „נעילה" פון י. ל. פּרץ.

א. נ. שטענצל



פאַרלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן.

44

צווייטע אויפלאַגע
לאָנדאָן, ווייטשעפּל אָקטאָבער 15־טן, 1943

# יידיש־סאָוועטיש־שאַפן

## צום אָנקומען פון די צוויי חשובע געסט מיכאָעלס און פעפער

1

פאַר וועם דער פּראָצעס גופא פון יידיש־שאַפן, ווען ער גייט נאָר אָן און וו ער גייט נאָר אָן, אומאָפּהענגיק פון וואָסערע טענדענצן ער ווערט אויסגעטראָגן, אַן אונטערשיד וואוהין זיינע פאָרמעסטונגען צילן, איז שוין דער בולטער און ליכטיקער סימן פון אונזער ווייטערער עקזיסטענץ — די התגלות פון אונזער גייסטיקער נצחדיקייט! — פאַר דעם איז דאָס סאָוויעטישע יידנטום תמיד געווען איינס פון די שטאַרקסטע טיילן פון אונזער פאָלק.

אויב אינם עקזיסטענץ פון אַן אומה איז פאַראַן פּלאַץ פאַר פּאַרטייאישע סכסוכים, אידעאָלאָגישע אַרומרייסענישען, קליינלדיקע מחלוקות און אַ סך מאָל אפילו פאַר אינטריגעס, איז אָבער שעפערישקייט די שלימות פון אַ פאָלק, די האַרמאָניע פון־און איבער אַלע זיינע טיילן; די קינסטלער ציען זייער יניקה פון אַלע וואָרצלען פונם פאָלק און די אַבסטראַקטע גאַנצקייטן, וואָס זיי פאָרמען אויס זיינען די געצייטיקטע זאַפטיקע פּירות צו דערפרישן ס׳האַרץ פון יעטווידן איינעם — נישט אַ קלינגנדיקע אידיי, נישט צומאָל אַ געלייטערטע טעאָריע, וועלכע קלינגט אין יעדן הוילן שאַרבן אַנדערש אָפּ, איז די גייסטיקע יצירה; עס איז דער גינגאָלדענער בעקן אין אַלע פּיק ווינקלען פון אים צו שפּרענגען — פון דעם דם־התמצית שעפּט דער שאַפער פון זיין פאָלק! אין פונקט ווי נישט באַגרענעצט ס׳קאָן זיין דער שעפערישער, פונקט אַזוי קאָנען אויך גרענעצן נישט פאַנאַנדערטיילן און צערייסן דאָס געשאַפענע.

און איז דען פאַראַן אַן אונטערשיד צווישן פאַרגאָסענעם בלוט פון קדושים און דעם פון געפאַלענע גבורים פאַר דער עקזיסטענץ פונם פאָלק,—אין זייערע בייהנס לעגענדעס לעבט עס דאָך ווייטער! — פונקט אַזוי איז נישט פאַראַן קיין חילוק אין די עכטקייט פון די אַנונגען און שפּרונגען פון אַ פּאָעט פון דער זייט גרענעץ צו אַ פּאָעט פון יענער זייט גרענעץ; איז דען פאַראַן אַן אַנדערע אונטערשיד אין זייערע חלומות, ווי דער אַנדערער אונטערשיד פונם מקוים ווערן פונם קומענדיקן פּתרון — —

יאָ, ווי די שווערע געציילטע ווערטער פון אַ שכיב מרע קלינגען דאָך די ערשט האָמעטנע לידער פונם קדוש ישראל שטערן, די עכטעסטע און געפאָרעמטסטע לידער אפשר אין די לעצטע 25־יאָר אין דער רעפּובליק פּוילן. און דער בלוט־יינגער געפאַלענער דויט־אַרמייער אשר שוואַרצמאַן זינגט העלדיש פאַר זיין טויט: